און שטן, װעלכער האָט פֿאַרפֿירט די גאַנצע באַ־
װאױנטע װעלט; ער איז אַראָפּגעװאָרפֿן געװאָרן
אױף דער ערד, און זײַנע מלאכים זענען אַראָפּ־
10 געװאָרפֿן געװאָרן מיט אים. און איך האָב געהערט
אַ הױך קול אין הימל זאָגן: איצט איז געקומען די
ישועה און די מאַכט און דאָס מלכות פֿון אונזער
ג־ט, און די ממשלה פֿון זײַן משיח; װײַל אַראָפּ־
געװאָרפֿן איז געװאָרן דער קטיגור פֿון אונזערע
ברידער, װעלכער האָט זײ פֿאַרקלאָגט פֿאַר אונזער
11 ג־ט טאָג און נאַכט. און זײ האָבן אים מנצח געװען
דורך דעם בלוט פֿון דעם לעמעלע, און דורך דעם
װאָרט פֿון זײער עדות־זאָגן; און האָבן נישט ליב
12 געהאַט זײער לעבן ביז צום טױט. צוליב דעם
פֿרײדט זיך, איר הימלען, און איר, װעלכע װױנט
אין זײ. װײ צו דער ערד און צום ים! װײַל דער
טײַװל האָט אַראָפּגענידערט צו אײַך, האָבנדיק אַ
געװאַלטיקן צאָרן, װיסנדיק, אַז ער האָט בלױז אַ
קלײנע צײַט.
13 און װען די שלאַנג האָט געזען, אַז זי איז אַראָפּ־
געװאָרפֿן געװאָרן אױף דער ערד, האָט זי פֿאַר־
פֿאָלגט די פֿרױ, װעלכע האָט געבױרן דעם זכר.
14 און די צװײ פֿליגל פֿון דעם גרױסן אָדלער זענען
געגעבן געװאָרן דער פֿרױ, כּדי זי זאָל אַװעקפֿליען
אין דער מדבר אַרײַן אױף איר אָרט, װוּ זי װערט
געשפּײַזט אַ צײַט און צײַטן און אַ האַלבע צײַט,
15 װײַט פֿון דעם פּנים פֿון דער שלאַנג. און די
שלאַנג האָט אױסגעשפּיגן פֿון איר מױל הינטער
דער פֿרױ װאַסער, װי אַ שטראָם, כּדי זי זאָל מיט־
16 געריסן װערן פֿון דעם שטראָם. און די ערד איז
געקומען דער פֿרױ צו הילף, און די ערד האָט
אױפֿגעמאַכט איר מױל, און אײַנגעשלונגען דעם